# סצענע 9 ג'
# Escena 9 C

## די יונגע לײַט באַקענען זיך
## Los jóvenes se conocen

ציווקע - אוי רייזל, וואָס פֿאַר אַ מאָדערנע פֿריזור ! איך האָב זייער ליב קורצע האָר.

רייזל - איך גיי אין אוניווערסיטעט יעדן טאָג: עס איז באַקוועמער צו האָבן קורצע האָר.

מאָטל - און וואָס לערנסטו זיך ?

רייזל - פּעדאַגאָגיע. איך וויל אַרבעטן אין שול מיט קליינע קינדער.

מאָטל - דו האָסט ליב קליינע קינדער ?

מענדל - וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע... זי האָט ליב קליינע קינדער ווײַל מיט דערוואַקסענע קומט איר אָן שווער...

ציווקע - איך לערן זיך אין אַ קונסט-אַקאַדעמיע. איך וויל ווערן אַן אַרטיסטקע. איך האָב ליב צו זינגען, טאַנצן...

מאָטל - איך האָב געמיינט אַז דו ווילסט ווערן אַ ראַטגעבערין... מיט אַלע עצות וואָס דו האָסט ליב צו געבן...

מענדל - און איך וויל זײַן אַ פֿוטבאָל-שפּילער. איך האָב נישט ליב צו לערנען, נישט געאָגראַפֿיע, נישט ביאָלאָגיע, נישט כימיע, נישט מאַטעמאַטיק...

רייזל - דו האָסט נישט ליב צו לערנען, אָדער דו האָסט נישט קיין שׂכל...

מאָטל - איך מיין אַז מאַטעמאַטיק איז דווקא זייער אינטערעסאַנט. איך בין אַ בוכהאַלטער.

מענדל - אַ בוכהאַלטער ?!?

רייזל - אַ בוכהאַלטער ?!?

ציווקע - אוי, פֿרעגט נישט... אַ גאַנצן טאָג האָט ער צו טאָן מיט נומערן און ציפֿערן.

מענדל - איך מיין אַז עס איז שוין צײַט אַ קוק טאָן אין שפּײַזקאַרטל. איך בין זייער הונגעריק !
ציווקע - יאָ, לאָמיר שוין עפּעס עסן... קעלנער !
קעלנער - וואָס ווילט איר עסן ?
מענדל - פֿאַר אַ פֿאָרשפּײַז וויל איך געפֿילטע פֿיש מיט כריין. נאָך דעם, אַ וואַרעמע יויך מיט לאָקשן, טשאָלנט מיט רײַז און קאַשע-קנישעס, און צום סוף וויל איך אַ געשמאַקן עפּל - שטרודל.
קעלנער - און וואָס ווילט איר טרינקען ?
מענדל - איך האָב אָנגעהויבן אַ דיעטע. בלויז אַ מאַראַנצן- זאַפֿט אָן צוקער.
קעלנער - און וואָס ווילט איר עסן ?
ציווקע - איך וועל עסן אַ קאַרטאָפֿל- קוגל און אַ קאָמפּאָט.
רייזל - און איך וויל אַ סאַלאַט מיט: שפּינאַט, רעטעך, ציבעלע, בוראַקעס, ניס און ראָזשינקעס.
מאָטל - מיר געפֿעלט זייער דער סאַלאַט וואָס דו האָסט באַשטעלט. קעלנער, ברענגט מיר אויך דעם זעלביקן סאַלאַט.
רייזל - און עס געפֿעלן דיר אויך קעזבלינצעס מיט טרוסקאַפֿקעס און סמעטענע מיט לאָדע ?
מאָטל - וואָס הייסט, צי איך האָב ליב קעזבלינצעס מיט טרוסקאַפֿקעס און סמעטענע מיט לאָדע, און מאַנדלען אויך ? יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט גיי איך אין דעלי, דאָס עסן...... רייזל, וואָלסט געוואָלט קומען מיט מיר ?
מענדל - אוי ווײ... ווען צוויי נאַשערס טרעפֿן זיך ...